# פרשת נשא ה׳ – י״א סיון תשפ״א לפ״ק

***יום ראשון פרשת נשא - ערב שבועות***

**רבינו שליט״א** התפלל תפלת שחרית לפני התיבה לרגל היארצייט של אביו **כ״ק הגה״צ מסאמבאטהעלי זצ״ל.** אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים.

***וזה תוכן השיחה:***

**הרב מיכל ניימאן שליט״א:** אונז האב מיר געהאט א בריוו אינדרהיים, וואס דער זיידע, דער **סערדאהעלער רב**, האט געשריבן פאר א יוד, ר׳ מאיר היימליך, וואס ער איז געווען א גרויסער עסקן אינדערהיים, און ער האט צוגעהאלפן ארויסצונעמען דעם טאטען פון מיליטער.

**רבינו: מיין טאטע ז״ל** האט חתונה געהאט שפעט, וועגן די מיליטער. איך מיין אז ער איז אלט געווען זיבן און צוואנציג יאר ווען ער איז א חתן געווארן. ער איז געווען א שיינער מענטש, א הויכער, ער איז געווען א גוטער קאנדידאט פאר די מיליטער, און תיכף נאך די חתונה האט מען אים אריינגערופן אין מיליטער. דאס איז טייטש, אז אפילו ער איז שוין געווען עמטליך דיין אין די שטאט (בעיר מאקאווא), האט מען אים אריינגערופן אין מיליטער. ער האט חתונה געהאט תמוז (שנת תרצ״ט), און אלול האט מען אים אריינגערופן. ער האט זיך ארויסגעדרייט ביז איבער די הייליגע טעג, און תיכף נאך די הייליגע טעג האט ער געמוזט אריינגיין. ער איז געווען אין מיליטער איין יאר, ביז נאך די הייליגע טעג א יאר שפעטער. אזוי לאנג האט גענומען ביז מען האט אויסגע׳פועל׳ט אז אלץ דיין זאל ער נישט דארפן זיין אין מיליטער.

**הר״ר שמחה פריעדמאן:** מיין שווער (הר״ר **מרדכי אהרן חיים אבערלאנדער** ע״ה, מתושבי העיר מאקאווא) האט מיר דערציילט, אז ער האט אים געזעהן ווען ער איז געווען אין די מיליטער, ער איז געווען א הויכער מענטש, מיט די שטיוול.

**רבינו:** ער האט אים געזעהן, ווייל מיין ברודער **דער סערדאהעלער רב** איז געבוירן געווארן אינדערמיט וואס ער איז געווען אין מיליטער, און ער איז אהיימגעקומען צום ברית, ממילא האט מען געזעהן ווי אזוי ער זעהט אויס.

ווען ער איז אהיימגעקומען צו זיין פאטער באזוכען (בעיר סערדאהעלי), האט אים דער פאטער געזאגט, קום נישט אריין צו מיר אין שטוב ווילאנג דו האסט די בגדים, איך וויל דיך נישט זעהן אזוי. - דער פאטער האט אים אמאל געשריבן אין מיליטער, איך בין גרייט צו פארקויפן מיין גאנץ פארמעגן, אלע ספרים וואס איך האב, כדי איך זאל דיך קענען ארויסנעמען פון דארט. און דאס האט אים געגעבן חיזוק אנצוהאלטן.

ער פלעגט אייביג זאגען, אז זיינע שענסטע תפלות אין לעבן, איז געווען די יאר וואס ער איז געווען אין מיליטער. דעם טלית האט ער אוועקגעלייגט אויף נאך די הונדערט און צוואנציג יאר (שיקברו אותו בטלית זו).

מיין מאמע ע״ה פלעגט אים יעדן טאג קאכן נאכטמאל, און געפארן אין מיליטער אים איבערגעבן, ער זאל נישט דארפן עסן טריפות. עס איז געווען דעמאלטס א געוואלדיגער נסיון, מען האט נישט געהאט וואס צו עסן. דאס וואס מיין מאמע האט אים געקענט ברענגען כשר׳ס איז געווען נאר ווען מען האט גערוהט אויף איין פלאץ, אבער ווען דער מיליטער איז געגאנגען פון איין מקום אויפן אנדערן, דעמאלט האט ער נישט געהאט ווער עס זאל אים געבן, האט ער אונטערגעפאסט.

ער פלעגט צו פארציילן, אז פאר די הייליגע טעג, איז ער געווען נעבן גרויסווארדיין, ער איז געגאנגען מיט די מיליטער, האט ער געגעבן געלט פאר א גוי, אז ער זאל אויפזוכען הרב האגער פון גרויסווארדיין, דער **אמרי חיים** האט דעמאלטס געוואוינט דארט, און ער האט אים געשריבן א צעטל, אז ער וויל אים בעטן, צו ער קען אים שיקן א שופר, און אביסל האניג. ער האט נישט געוואוסט קיין אדרעס, האט ער געזאגט פארן גוי, ער זאל פרעגן וואו הרב האגער וואוינט, וועט מען דיר ווייזן. און דער אמרי חיים האט אים איינגעפאקט א גאנצן פעקל, זופ און פלייש, אז ער האט געהאט פון דעם צו עסן אפאר טעג[א].

---

[א] נעתיק מה שהוסיף **רבינו שליט״א** לספר בזה, בעת שישב שבעה על פטירת אחיו **כ״ק הגה״צ מתולדות אהרן וומסב״ג זצ״ל:** דער טאטע פלעגט נאכזאגן, אז דער **אמרי חיים** האט דעמאלטס געזאגט, אז שופ״ר איז פ״ר דינים, און ש״ו איז בגימטריא דב״ש, די דבש איז ממתיק די פ״ר דינים. די שופר מיטן האניג האבן א קשר.

והוסיף **הגה״צ מסערדאהעלי:** ווען דער אמרי חיים איז דאהי געווען, ערגעץ אין יאר תשי״ב, איך בין נאך געווען פאר די בר מצוה, בין איך געוועןביים טיש פונעם אמרי חיים, האט ער אליינס פארציילט די

דאס איז נאך געווען אין יאר ת"ש, פאר די מלחמה. מען האט נאכנישט געהאט צו טון מיט די דייטשען. געלט האט ער געהאט גענוג, דער פאטער האט אים געשיקט געלט, ער זאל קענען שמירן וואו ער דארף, ער זאל נישט דארפן מחלל שבת זיין. ממילא די אלע ארום און ארום האט ער געקענט שמירען מיט געלט, אז מען האט אים נישט געצווינגען.

ער האט פארציילט, אז עס זענען געווען רשעים אויך דארט אין די מיליטער. ווען מען האט געהאט א קינד, האט מען געקענט אהיימפארן אויף צוויי וואכען. אבער דאס איז נאר געווען, אויב מען האט נישט געהאט אויף זיך קיין שום עבירה. אויב מען האט געהאט אויף זיך עפעס א עבירה, האט מען נישט באקומען דעם ערלויבעניש. און אזוי ווי עס איז געקומען א טעלעגראם, אז עס איז אים געבוירן א קינד, האט איינע פון זיינע פריצים דארט געזוכט אויף אים עפעס א עבירה, אז ער זאל נישט קענען אהיימגיין. און אז מען זוכט, טרעפט מען. האט ער געוואוסט אז ער קען נישט אהיימגיין צום ברית. צוויי טעג פארן ברית רופט אים אריין דער העכערער פריץ, און ער האט אים געגעבן רשות אז ער קען אהיימפארן. עס איז געווען א פלא אז ער קען אהיימפארן. ווען ער איז צוריקגעקומען, האט אים דער הויכער פריץ גערופן, אז ער זאל אריינקומען צו אים. און ער האט געמיינט ווער ווייסט וואס ער וויל, דער הויכער פריץ האט נישט גערעדט געווענליך צו א סאלדאט, ער האט געמיינט אז מען האט געטראפן אויף אים נאך א חטא. ווען ער איז אריינגעקומען, האט ער אים געפרעגט, דו ווייסט דאך אז דו האסט געהאט א חטא, עס איז דיר נישט א חידוש אז דו האסט געקענט אהיימגיין? זאגט ער אים, עס איז מיר יא געווען א חידוש. זאגט ער אים, איך האב עס פאר דיר אויסגע'פועל'ט, איך ווייס אז דו ביסט א ראבינער, און מען האט ארויפגעלייגט אויף דיר א עבירה, ממילא זאלסטו זעהן אז דו זאלסט מיר מכיר טובה זיין אז מען האט דיך אהיימגעלאזט.

ער איז געווען דער מוהל. ער האט נישט געהאט קיין בארד, מען האט אים אפגעשוירן די בארד. אין מיליטער האט מען נישט געקענט גיין מיט א בארד.

דער גרעסטער חידוש איז, די שמחה וואס 'די יודען' האבן געהאט נאך די קריג. דאס איז די גרעסטע חידוש. כאילו לא היה, עס איז געווען צהלתו בפניו ואבלו בלבו. מען האט אלעס באהאלטן אין זיך, מען האט נישט איבערגעגעבן פאר די קינדער, מען האט נישט געוואלט אז די קינדער זאלן אויפגעצויגען ווערן מיט דעם. מען האט געהאט געוואלדיגע כוחות הנפש. ביז איך בין געווען כמעט א בחור, האב איך קיינמאל נישט געהערט רעדן אין שטוב אז עס איז געווען א קריג, און וואס עס איז געווען ביי די קריג, מען האט עס קיינמאל נישט ארויפגעברענגט. היינט וואלט מען געדארפט האבן הונדערטער טעראפיסטען אדורכצוגיין אזא זאך, און עס וואלט נישט געהאלפן. מען האט זיך אליין מחזק געווען. זיי זאלן זיין מליצי יושר פאר אונז אלע.

*

__*יום א' דשבועות*__

בכניסת החג ניגש **רבינו שליט"א** לתפלת מנחה, לרגל היארצייט של אביו **כ"ק הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**. אחר כך דרש **רבינו שליט"א** בגודל מעלת החג זמן מתן תורתנו.

לפני קריאת התורה נאמרה פיוט האקדמות על ידי **רבינו שליט"א** בקול רגש ומעורר הלבבות. – אחר התפלה ערך **רבינו שליט"א** הקרעפיל טיש לכבוד החג. אחר טעימה ממאכלי חלב וניגוני שמחה, השמיע **רבינו שליט"א** דברי דרוש ואגדה בעניני מתן תורה.

*

__*יום ב' דשבועות*__

בסעודת נעילת החג אחר זמן ממושך של זמירת ניגוני התעוררות, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו בגודל מעלת ימי החג שעבודתינו להמשיכם על שאר ימות השנה, לקבל עול התורה ומצותיה בהתחדשות.

---

מעשה. ער האט געפרעגט אויף מיר ווער איז דער בחור, האט מען געענטפערט דעם סאמבאטהעלער רב'ס זון. רופט ער זיך אן, אה, דער מיטן שופר און פלעשל האניג. און ער האט פארציילט די מעשה פארן גאנצן עולם ביים טיש. טרערן זענען אים געקומען פון די אויגן. ער האט געזאגט, א יוד איז אין צרות אין די ארמיי, און ער האט נישט קיין אנדערע דאגה, ער האט געבעטן א שופר מיט א פלעשל האניג. ער האט עס איבער געזאגט א צוויי דריי מאל, א שופר מיט א פלעשל האניג. – ער האט נישט פארציילט אז ער האט צוריק געשיקט א סעודת שלמה, דאס האט שוין דער טאטע פארציילט.

***וזה תוכן סיום הדברות קודש:***

**עס** שטייט אין די גמרא (שבת סג:) אויף דעם פסוק אין קהלת (יא-ט) שמח בחור בילדותיך, ויטיבך לבך בימי בחורותיך והלך בדרכי לבך ובמראה עיניך, ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט. מען זאגט דעם בחור פריי דיך בילדותיך, גיי בדרכי לבך ובמראה עיניך, גיי נאך וואס דיינע אויגן זעהט, גיי נאך די תענוגי עולם, אבער דאס זאלסטו וויסן, כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט, דער אייבערשטער וועט דיך ברענגן נאכדעם אויף די אלע זאכן במשפט. די גמרא שטעלט זיך דארט, ווער זאגט דאס, דער יצר טוב צו דער יצר הרע, ער הייבט אהן שמח בחור בילדותיך איז דאך די ווערטער פונעם יצר הרע, ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט, איז דאך ווערטער פונעם יצר טוב, ווי אזוי שטימען די פסוקים. זאגט די גמרא אז דאס איז אפגעטיילט, דער ערשטער פסוק שמח בחור בילדותיך, עד כאן דברי יצר הרע, מכאן ואילך, ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט, דאס איז דברי יצר טוב.

**שטייט** א דבר נפלא אין אהל יעקב, אז דער יצר הרע אין די יוגענט פונעם מענטש רעדט ער אים צו ער זאל נאכגיין נאך תענוגי עולם הזה, מען ווערט עלטער און מען הייבט זיך אהן צו כאפן, מען וועט אפגעבן דין וחשבון אויף אלעם וואס מען האט געטוהן, מען וויל אנהייבן צו גיין אויף א נייעם וועג פון וואס ער איז געווען ביז יעצט, דעמאלטס קומט דער יצר הרע, און ער זאגט אים, יעצט איז שוין צו שפעט, דו האסט דאך אזויפיל געזינדיגט, דו וועסט ממילא האבן א משפט אויף וואס דו ביזט אדורכגעגאנגען ביז יעצט, דו וועסט שוין נישט ארויסקריכן פונעם שאול תחתית, וואס איז א חילוק צו דו וועסט האבן געטוהן אפאר עבירות מער אדער ווייניגער, דו קענסט שוין נישט צוריקגיין פון דעם וואס דו ביזט געווען פארדעם. ער נעמט די ווערטער פונעם יצר טוב, וואס דער יצר טוב זאגט אז עס וועט זיין א משפט אויף אלעם וואס דו וועסט טוהן, און ער לייגט עס אריין אין זיין פעקל כדי צוריקצוהאלטן דעם מענטש ער זאל זיך נישט טוישן פון וואס ער איז געווען פון פארדעם. אין דער יוגענט זאגט ער אים שמח בחור בילדותיך, דאס איז די ווערטער פונעם יצר הרע, נאכדעם ווען עס קומט אויף דער עלטער, ער וויל תשובה טוהן, ער וויל טוישן זיין מהלך פון וואס ער איז געוועזן, דעמאלטס קומט ער מיט די ווערטער פונעם יצר טוב, ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט, דו וועסט דאך ממילא האבן א משפט, דו וועסט ממילא נישט ארויסקריכן, וואס זאגסטו אז אויף דער עלטער וועסטו דיך טוישן.

**און** דאס איז פאלש, א יעדער יוד דארף צו וויסן, עס איז נישט קיין נפקא מינה ווי אלט מען איז, און וואס עס איז געוועזן פארדעם, א איד טאר נישט זיין פארנומען מיט זיין עבר, מען דארף זיין אייביג פארנומען נאר מיט זיין עתיד. דער עבר וואס איז געווען זאל ער לאזן אויף יום כיפור, דאס איז נישט נוגע יעצט, עס ווארט א עתיד פאר א מענטש וואס ער קענען דינען דעם אייבערשטען שפעטער, נישט קיין חילוק וואס איז געווען פארדעם. און דאס איז מתן תורה, פאר מתן תורה, א טאג פריער איז מען געווען א גוי, און א טאג שפעטער ביזטו געווארן א יוד, דו האסטו דיך געטוישט פון וואס דו ביזט געווען. **א יוד דארף זיך טוישן און נעמען אויף זיך קבלת התורה, נישט זיין צובראכן פון זיין מצב וואס ער איז געווען פארדעם, אנהייבן מיט א התחדשות, מיט א נייעם וועג צו דינען דעם אייבערשטער.**

**עד** כאן דברי יצר הרע, מכאן ואילך דברי יצר טוב, דער חילוק צווישן דעם יצר הרע און דער יצר טוב איז, דער יצר הרע זאגט 'עד כאן', קוק וואס איז געווען ביז יעצט, עד כאן, פארדעם האסטו דאך אויסגעקוקט אזוי ווי עס איז, קוק נישט וואס וועט זיין מכאן ואילך, דאס איז די ווערטער פונעם יצר הרע. די ווערטער פונעם יצר טוב איז פונקט פארקערט, קוק נישט וואס איז געווען עד כאן, קוק וואס איז 'מכאן ואילך', וואס איז פון יעצט און ווייטער, מכאן ואילך איז דא א מעגליכקייט דו זאלסט דיך קענען צוריקשטעלן. וקדשתם היום ומחר, אפילו א מענטש האט פארלוירן דעם היום, אבער דעם מחר האט ער, דעם מחר קען ער שטענדיג מיטנעמען מיט זיך כדי ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטער. אפילו א מענטש האט פארלוירן זיין עבר וואס איז אדורכגעגאנגען און ער קען עס נישט צוריקברענגען, עד יום מותו תחכה לו, ביז ווען א מענטש לעבט און ער האט נאך די כוחות, האט ער נאך אלץ די געלעגנהייט צו קענען דינען דעם אייבערשטער.

**מען** האט געלערנט די גמרא אין מועד קטן (כה.), די גמרא זאגט אז אויב א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, און מען שטייט דארט בשעת מיתה, דארף מען זיך קורע זיין, אזוי ווי א ספר תורה שנשרף וואס מען איז זיך קורע דערויף. שטייט אין רש"י (על הרי"ף), ספר תורה שנשרף, מען רעדט דא אפילו פון א פשוטע איד, ער איז קוים געווען א יוד, איז אויך די הלכה אז מען דארף קורע זיין אויב מען שטייט דארט בשעת מיתה, וואס איז דאס א ספר תורה שנשרף, ער איז נישט קיין ספר תורה. זאגט רש"י 'ער וואלט געהאט א מעגליכקייט צו זיין א ספר תורה פון היינט און ווייטער', ווען ער וואלט נאך געלעבט וואלט ער געקענט אויסוואקסן א ספר תורה. **מען דארף קורע זיין אויף א נפש מישראל וואס גייט אוועק, אפילו יעצט איז ער א פשוטע יוד, אבער זיי' קורע אויף אים, דא איז געווען א מענטש וואס האט געהאט אין זיך כוחות אויסצוואקסן א ספר תורה.** דאס איז אויף יעדן יוד, יעדער יוד האט די מעגליכקייט. דער יצר טוב זאגט קוק נישט וואס איז געווען, קוק מכאן ואילך, וואס וועט זיין פון היינט און מארגן, און אזוי דארף מען צו דינען דעם אייבערשטער.

*

**קבלת התורה, הייבט זיך אהן דער עיקר ביי לימוד התורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין כנגדו, מען דארף אוועקגעבן אלע זיינע צייטן וואס ער האט פאר לימוד התורה. די פרייע צייטן, צייטן וואס ער איז נישט עוסק אין פרנסה, נישט זיין פארנומען מיט נארישקייטן מיט הבלי עולם הזה, מען האט דערפון גארנישט, מען זאל זיך נאר אוועקגעבן פאר לימוד התורה ווען ער האט פרייע צייט צו לערנען. ברוך השם ס'איז שוין דא היינט אין אלע קהלות אין אלע מקומות אויסגעשטעלט שיעורי תורה, מען זאל קענען מיטהאלטן אויף א מסודר'דיגן וועג, צו קענען ענדיגן אין מסכת נאך דער אנדערע מסכת. ביי אונז אין חבורת 'ובהם נהגה' האב מיר יעצט געענדיגט א מסכת, די קומענדיגע וואך הייבט מען אהן א פרישע מסכת, מסכת חגיגה, מען וועט ענדיגן ביזן סוף פונעם זוממער.**

**מען** מיינט אסאך מאל מען האט נישט קיין צייט, מען איז פארנומען מיט די ארבעט, מען האט טירדות, מען קומט נישט אהן. - מען געפינט אין די גמרא (פסחים סח:) אז רב יוסף האט געזאגט, עבדו לי עגלא תילתא, אינעם יום טוב פון שבועות, דאי לאו האי יומא דקא גרים, כמה יוסף איכא בשוקא. עס איז דא אסאך פשטים דערין, נאר די משנה זאגט (אבות ג-ה) כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, **א איד נעמט אויף זיך עול תורה, טוט מען אוועקנעמען פון אים אלע זיינע פראבלעמען, עול מלכות ער האט נישט קיין פראבלעמען מיט די רעגירונג, ער האט נישט קיין עול דרך ארץ, ער דארף עוסק זיין אין פרנסה, אבער די טירחא פון די פרנסה ווערט פון אים אוועקגענומען.** עס שטייט אין די גמרא (סנהדרין צט:) יעדער מענטש איז באשאפן געווארן זיך צו פלאגן, אדם לעמל יולד (איוב ה-ז), ואינו יודע לאיזה עמל, אדער עמל בתורה אדער עמל מלאכה. יעדער קען זיך אויסקלויבן, דער וואס קלויבט זיך אויס עמל פון תורה, נעמט אראפ פון זיך אז ער דארף נישט האבן קיין עמל הפרנסה, דער וואס נעמט נישט דעם עמל פון תורה, מוז ער באצאלן דעם עמל אויף עניני גשמיים. כל המקבל עליו עול תורה, נעמסט אויף דיר דער עמל התורה, טוט מען דיך באפרייען פון אנדערע עמל, פון עול מלכות ועול דרך ארץ.

**איך** האב נאכגעזאגט פאריגע מאל (בסעודת ל"ג בעומר העעל"ט) פונעם ישמח משה (פ' בשלח), אז דער אייבערשטער האט מקלל געווען אדם הראשון נאכן חטא, בזעת אפיך תאכל לחם (בראשית ג-יט), ס'איז א גזירה מן השמים, הרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי. זאגט דער הייליגער ישמח משה אז לחם האט צוויי טייטשן, לחם קען טייטשן פרנסה, און לחם קען זיין תורה, די תורה ווערט אנגערופן לחם, לכו לחמו בלחמי (משלי ט-ה), מען האט נישט געזאגט פאר אדם הראשון אויף וועלכן לחם דארף זיין דער בזעת אפיך, א מענטש קען זיך אויסקלויבן, אויב נעמסטו דעם בזעת אפיך אויף תורה, דארף ער נישט האבן קיין בזעת אפיך אויף זיין פרנסה.

**דאס איז טייטש, ווען א מענטש נעמט אויף זיך מקבל זיין דעם עול תורה, די שעה וואס דו געסט אוועק פאר תורה, האסטו אראפגענומען א שעה פון עמל וואס דו דארפסט האבן אין געשעפט. דו ביזט אין געשעפט ווייל דו דארפסט ברענגען פרנסה, פארוואס דארפסטו ברענגען פרנסה, ווייל בזעת אפיך תאכל לחם, אויב מען נעמט אוועק די צייט און**

**מען לייגט עס אריין ביי תורה, טוט דער אייבערשטער משפיע זיין, און נעמט אוועק דעם עמל. יעדער ווייסט ביי געשעפטן וויפיל מאל איז דא אומזיסטיגע עגמת נפש וואס נעמט אוועק שעה'ן אויף שעה'ן, וואס גייט אדורך, מתקן זיין און מסדר זיין, דער אייבערשטער וואלט עס געקענט מסדר זיין אזוי גרינג אז דער מענטש זאל נישט דארפן צוקומען דערצו. ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה, נעמט מען פון אים צו די אלע זייטיגע שברי לב מיט חלישות, אז ער האט עס נישט.**

**איך** האב דעמאלטס געזאגט אז וועגן דעם נעמט מען שבועות שתי הלחם (ויקרא כג-יז), א מענטש וועט זאגן ווי קען איך מקבל זיין די תורה, מען דארף דאך עוסק זיין אין עניני עולם הזה. זאלסטו וויסן מען איז מקריב שתי הלחם, צוויי לחם, ס'איז דא א לחם פון בזעת אפיך תאכל לחם, און ס'איז דא א לחם פון לכו לחמו בלחמי, אז דו ווערסט מקבל זיין דעם לחם, ווערסטו נישט דארפן צוקומען צו יענעם לחם. כולהו גופי דרופתקי נינהו זאגט די גמרא (שם), אלע גופים דארפן זיך פלאגן, און ווער ס'איז זוכה, איז זיין עמל אין תורה. ווען א יוד טוהט אוועקגעבן זיין עמל וואס ער דארף אוועקגעבן, אין די תורה, טוט ער פארשפארן אנדערע עמל וואס איז דא אויף דער וועלט.

**דער** רב יוסף איז געווען א אדם גדול, האט ער געזאגט ווען עס וואלט נישט געווען קיין קבלת התורה, וואלט מען געדארפט מקיים זיין בזעת אפיך תאכל לחם כפשוטו, ס'איז נישט דא קיין צוויי פשטים, מען וואלט זיך געדארפט פלאגן אויף פרנסה, וואלט מען נישט געקענט זיצן אין בית המדרש, מען וואלט געדארפט זיין אין מארק און עוסק זיין אין פרנסה, אבער אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, האט דאך דאס גורם געווען אז עס איז דא נאך א לחם, קען מען יעצט פון נאך מתן תורה אהן, מקיים זיין דעם בזעת אפיך תאכל לחם אויף אן אנדערע סארט לחם. מוז איך שוין נישט זיין אין מארק אינדרויסן, איך קען זיצן אין בית המדרש און לערנען, ווייל איך האב דאך שוין דעם בזעת אפיך תאכל לחם אין די תורה.

**האט** ער געזאגט אי לאו האי יומא דקא גרים, ווען נישט דער טאג פון מתן תורה וואס האט גורם געווען אז אונז האב מיר באקומען א פרישן לחם, און מען קען מקיים זיין דעם בזעת אפיך תאכל לחם מיט די תורה, כמה יוסף איכא 'בשוקא', וואלט מען געדארפט זיין בשוק, איך וואלט געדארפט זיין אינדרויסן אין די געשעפטן, איך וואלט נישט געקענט זיין אין בית המדרש, אבער אזוי ווי דער יומא איז גרים אז איך האב באקומען נאך א לחם, האב איך יעצט דעם מעגליכקייט אז איך זאל קענען זיצן אין בית המדרש. דאס איז דער לחם וואס אונז האב מיר מקבל געווען, לכו לחמו בלחמי, אויסצונוצען די צייט פאר תורה און עבודת השם.

*

**און** מען קען נישט אוועקגיין אנדעם וואס מען זאל מזכיר זיין דעם נסיון וואס אונז האב מיר היינט, דער אינטערנעט, מיט אלע כלים וואס איז מכלה מבשר ועד נפש, איך רעד שוין נישט פון וואס איז נישט אויסגעהאלטן, וואס א יוד טאר עס נישט האלטן אין שטוב, און אין טאש איז דאך אפגערעדט. נאר אפילו עס איז אויסגעהאלטן, שעה'ן געבן אוועק מענטשן אויף די וואט'ס אפ'ס, צו הערן שטותים מיט הבלים, און אסאך מאל זאכן וואס איז קעגן די תורה אויכעט. וואס ס'פאלט איין ביי איינעם, א קל, גייט עס ארום פון איינעם צום צווייטן. אין די צייט וואס מען האט געקענט אוועקגעבן פאר תורה צו דינען דעם אייבערשטען, געט מען אוועק די טייערע צייט פאר הבלי עולם הזה. פאר דער יצר הרע איז נישט דא קיין עצרת, אז מען איז נישט מקבל די תורה, ווערט מען אדיקדעט צוגעבינדען דערצו און מען קען זיך נישט אפטיילן דערפון.

**און** דאס איז דער יום טוב שבועות, מקבל זיין די תורה פון ניי, ס'איז נישט קיין נפקא מינה וואס איז געווען ביז יעצט, מכאן ואילך דברי יצר טוב, דער יצר טוב זאגט ס'איז נישט קיין נפקא מינה וואס איז געווען נעכטן, מכאן ואילך הייב אהן צו לעבן א תורה'דיגע לעבן, וועסטו זעהן ווי שיין עס איז די דרכי תורה, דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום. און דאס איז קבלת התורה זמן מתן תורתנו, פון ניי אויס מקבל זיין, שטעל זיך דאווענען ווי מען דארף, מיט אהבת השם, מיט א צוגעבינדקייט צום אייבערשטער, אז דו טוסט א מצוה, טוה עס נישט מצות אנשים מלומדה, צוגעוואוינט, יעדע זאך וואס דו טוסט טראכט וואס דו טוסט. אין דיינע עניני עולם הזה קענסטו אריינלייגן אזויפיל מצות צו זיין דער עובד את בוראו תמיד, מיט אין שטיקעלע כוונה וואס מען איז מכוון

פארדעם, איך טוה עס ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן אז מען דארף אזוי צו טוהן, ווייל איך דארף האבן פרנסה, כדי זיך צו קענען פירן ערליך, מען וועט נישט דארפן גנב'נען גזל'נען, איך זאל קענען מגדל זיין מיינע קינדער ערליך, מיט איין קבלה קען א מענטש מהפך זיין אז אלע זיינע זאכן זאלן זיין פאר עבודת השם, דאס איז קבלת התורה, יודען האבן מקבל געווען אויף זיך אז פון היינט אהן וויל ער באמת דינען דעם אייבערשטער.

**און** מיר דארפן מתפלל זיין שובו לכם לאהליכם, צוריק אריינעמען אין שטוב אריין, אלע קבלות וואס מען האט געהאט, נעמען צו זיך אינדערהיים, שובו לכם לאהליכם מען זאל נעמען דעם לכם 'לאהליכם' ס'זאל לייכטן, דער לכם זאל לייכטן. א מענטש איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, מען נעמט אראפ פון זיך אלע זייטיגע פראבלעמען וואס מען האט, דער באשעפער איז משפיע א רואיגקייט אין זיין לעבן.

**דער** אייבערשטער זאל געבן אז מען זאל זוכה זיין צו אלע ברכות וואס תורה ברענגט מיט זיך מיט, אם בחוקתי תלכו שתהיו עמלים בתורה, ונתתי גשמיכם בעתם, און אזוי ווייטער. מען זאל קענען זוכה זיין צו אלע ברכות וואס די תורה האט אין זיך, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס ליגט נישט די ברכה אין די תורה. אז דער באשעפער האט באשאפן די וועלט מיט די תורה, מוז דאך זיין אז די תורה דאס איז די חיות פון די וועלט, אז מיר ווילן זוכה זיין צו קענען האבן רואיגקייט אויף די וועלט נעמט זיך דאס אלעס פון די תורה. דער באשעפער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת נשא***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **ישראל מאיר פרענקל** הי"ו, שהתקיים באולם סאמבאטהעלי.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הקבלת פנים של החתן **יהודה** נ"ו, בן הר"ר **אברהם ליפשיץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמואל וואלף** הי"ו, שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **חיים יודא** (ב"ר בן ציון שלום) **שפיטץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה ראטה** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לניו דזשערסי והשתתף אצל סעודת הכנסת ספר תורה, וסיום ש"ס, על ידי הר"ר **קלמן יואל סופר** הי"ו, שהתקיים באולם לעגעסי קעסטל, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א תענוג און א הנאה אטייל צו נעמען היינט ביי די דאפעלטע שמחה פון ר' קלמן יואל, א נאנטער גוטער פריינד. דער אייבערשטער האט אים געהאלפן אז ער האט געשריבן א ספר תורה, תורה שבכתב. און ער האט מסיים געווען ש"ס, תורה שבעל פה.ביידע תורות צוזאמען. עס קומט נישט אן גרינג. תורה שבכתב צו שרייבען גייט נאר אויס צו געלט, אבער סיום הש"ס, הונדערטער הונדערטער שעות מיט פלאג, ביז מען קומט אן אז מען קען עס מסיים זיין. לפום צערא אגרא, עס איז א געוואלדיגע שמחה אז מען איז זוכה דערצו.

**די** תורה הק' הייבט זיך אן, בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ (בראשית א-א), און רש"י ברענגט צו, בשביל התורה שנקראת ראשית (משלי ח-כב), ובשביל ישראל שנקראו ראשית (ירמיה ב-ג). דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, וועגן אונז יודען, אז אונז זאל מיר האלטן די תורה. ראשית גייט ארויף אויף די תורה און אויף יודען, ביידע ווערן אנגערופן ראשית. אין הייליגע ספרים שטייט, אז וועגן דעם הייבט זיך אן די תורה מיט א ב', ווייל אין די תורה איז דא צוויי ראשית, תורה שבכתב און תורה שבעל פה, ב' ראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ. ווען נישט תורה שבעל פה ווייסן מיר נישט וואס תורה שבכתב איז, תורה שבעל פה איז דער פירוש אויף תורה שבכתב. אז מען איז זוכה צו לערנען תורה שבעל פה, פארשטייט מען די גאנצע תורה שבכתב וואס איז געשריבן.

**די** וואך אין די פרשה איז דא די ברכת כהנים (במדבר ו-כד), וואס אלע ברכות אין די וועלט האט די תורה אריינגעלייגט אין די ברכה וואס כהנים בענטשען יודישע קינדער. יברכך ה' וישמרך, ויחנך, וישם לך שלום, און דער פסוק ענדיגט ושמו את שמי על בני ישראל, די כהנים זאלן ארויפלייגען מיין נאמען אויף יודען, ואני אברכם, און איך וועל זיי בענטשען. די גמרא (חולין מט.) זאגט, אז ואני אברכם גייט ארויף אז איך וועל בענטשען די כהנים, וואס זיי געבן די ברכה פאר יודען.

**די** ערשטע ברכה וואס די כהנים בענטשען איז יברכך ה', בממון, דער אייבערשטער זאל געבן אז עס זאל זיין פרנסה אין יודישע שטובער, מען זאל געבענטשט ווערן מיט וואס מען דארף צו האבן, און נאכדעם קומען צו אלע אנדערע ברכות. אמאל איז אבער דא וואס די ברכה פון יברכך ה' בממון וואס דער אייבערשטער גיט פאר א מענטש, נוצט ער עס נישט אויס אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוואלט, עס גייט אוועק אויף זאכען וואס איז אסאך מאל אפילו אקעגן די תורה. ער נוצט עס נישט אויס צו פארשטיין, אז אויב דער אייבערשטער האט אים עפעס געגעבן, איז עס א מתנה פונעם אייבערשטען. און אזוי ווי דער פסוק זאגט (דברים ח-יב), פן תאכל ושבעת, ובתים טובים תבנה וישבת, ובקרך וצאנך ירבין, וכסף וזהב ירבה לך, וכל אשר לך ירבה, ורם לבבך ושכחת את ה' אלקיך וגו', וזכרת את ה' אלקיך כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל. מען רעדט זיך איין כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, אז וואס ער איז מצליח איז מיט די אייגענע כוחות, אין אזא געלט איז נישט דא קיין ברכה. א יברכך ה' בממון וואס טוט אים שפעטער צוברענגען צו כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, איז נישט א ברכה. ווען די כהנים בענטשען יודען, דארפן זיי צולייגען צו די ברכה, אז זיי זאלן געדענקען שטענדיג פון וואו זיי האבן באקומען די ברכה, אז 'ואני אברכם', עס קומט פונעם אייבערשטען. נאכדעם וואס מען האט געבענטשט יודען מיט די אלע ברכות ענדיגט מען, 'ושמו את שמי על בני ישראל', לייג ארויף מיין נאמען אויף יודען, ווען די געבסט זיי די ברכות זאלן זיי וויסן, אז עס איז דא א בעל הבית וואס האט עס געגעבן, 'ואני אברכם', איך בענטש זיי. אז מען ווייסט אז די ברכה קומט פונעם אייבערשטען, דעמאלטס ווייסט מען ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן מיט דעם יברכך ה' בממון.

**איך** וויל איבערזאגען א ווארט פונעם הייליגען **חתם סופר** (**בתורת משה** בפרשתנו), וואס ער זאגט, ווען דער אייבערשטער העלפט א מענטש, אז ער איז זוכה צו יברכך ה' בממון, ברענגט עס מיט זיך אסאך פראבלעמען אויך. איינס, מען דארף האבן שמירה אויפן געלט, מען זאל עס נישט שאדען האבן. וויפיל מאל זעהט מען אז מענטשען האבן געהאט פארמעגן, און מען האט געטון א שלעכטע אינוועסטמענ"ט וכדומה, און עס איז אריינגעפאלען אין אנדערע הענט, און מען האט פארלוירן וואס מען האט געהאט. מען דארף האבן א עקסטערע ברכה פון שמירה, אז דער אייבערשטער זאל אפהיטן, אז וואס ער האט געגעבן, זאל בלייבען, און עס זאל נישט אוועקגענומען ווערן פונעם מענטש. נאכדעם וואס עס איז יברכך ה' בממון, דער אייבערשטער זאל דיר בענטשען מיט געלט, גיט מען א ברכה וישמרך, און ער זאל דיך אפהיטן, אז עס זאל נישט אוועקגענומען ווערן פון דיר, דאס וואס דו ביסט געבענטשט געווארן.

**זאגט** ווייטער דער חתם סופר, עס האט נאך פראבלעמען. קנאת איש מרעהו, דער סדר פון די וועלט איז דאך אזוי, אז ווען יענער האט און איך האב נישט, איז דא קנאה פון איינעם צום צווייטען. און מען מוז האבן א עקסטערע ברכה נאכדעם, אז יאר ה' פניו אליך ויחנך, דער באשעפער זאל דיר געבן חן, אז ער זאל נישט האבן א עין רע פון א צווייטען. וואס דו האסט, זאל מען דיר פארגונען, מען זאל זיין צופרידען, מען זאל זיך מיטפרייען מיט יענעמס שמחה.

**זאגט** ווייטער דער הייליגער חתם סופר, ער איז נאך אלץ נישט געבענטשט. ווייל יש לו מנה רוצה מאתים (קה"ר א-לד), וויפיל ער האט, איז ער קיינמאל נישט צופרידן, און ער האט נישט קיין רואיגקייט אין זיך, ער איז אלץ פארנומען, מרבה נכסים מרבה דאגה (אבות ב-ז) דארף מען האבן א עקסטערע ברכה נאכדעם, אז דער באשעפער זאל אים געבן שלום אין זיך אליין, ער זאל האבן דעם רואיגקייט, ער זאל נישט זיין פארטון, דורך דעם וואס ער איז געבענטשט געווארן בממון. און אויף דעם קומט

נאכדעם די ברכה וישם לך שלום, דער אייבערשטער זאל דיר געבן שלום, אין דיר אליין זאלסטו האבן א צופרידענהייט, מיט וואס דו האסט. נישט זיין א אץ להעשיר, נאך און נאך. נאר זיין צופרידן מיט וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, און דער באשעפער וועט דיר געבן ווייטער אויך. - קומט אויס, אז קודם דארף זיין יברכך ה' בממון, נאכדעם דארף זיין וישמרך, עס זאל זיין א שמירה דערויף. נאכדעם דארף זיין ויחנך, אז דו זאלסט האבן חן אין די אויגן פון אנדערע. און וישם לך שלום, דו זאלסט האבן די רואיגקייט, עס זאל בלייבן ביי דיר שלום.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, מיט דעם אלעם איז דער מענטש נאכנישט געבענטשט. מיט יברכך ה' בממון, מיט וישמרך, ויחנך, און וישם לך שלום, איז ער נאך אלץ נישט געבענטשט. ווען א מענטש לעבט נאר מיט עולם הזה, נאר מיט די וועלט, ווערט אים נמאס דאס לעבן, ווען ער האט אלעס וואס ער דארף צו האבן. ער האט שוין אלעס, ער האט שוין נישט אויף וואס צו שטרעבן, און עס ווערט אים פשוט נמאס דאס לעבן. נאכאמאל אויפשטיין צופרי, עסן און טרינקען, שלאפן, נאכגעבן די תענוגים, און ווייטער אנגיין אזוי. דער הייליגער חתם סופר ברענגט צו, אז אין זיינע צייטן איז געווען א עושר וואס האט זיך מאבד געווען לדעת, און ער האט איבערגעלאזט א צעטל, אז וועגן דעם האט ער עס געטון, ווייל עס איז אים נמאס געווארן דאס לעבן. ווייל אין הבלי עולם הזה, קומט אמאל א צייט אז עס ווערט נמאס אז מען האט אלעס וואס ער דארף צו האבן.

**דער** הייליגער חתם סופר רעכנט עס אויס ווייטער. וואס טראכט דער מענטש ווען ער האט אלעס? ער וועט דאך אמאל שטארבען, ער וועט אלעס איבערלאזן. אבער ער טראכט אז ער וועט עס איבערלאזן פאר זיינע קינדער, זיינע קינדער זאלן זיין רייך. נאכדעם טראכט ער, וואס וועלן די קינדער האבן דערפון. פאר זיי וועט דאך אויך נמאס ווערן דאס לעבן אזוי ווי פאר מיר איז עס נמאס געווארן. נו פארוואס האב איך זיך געפלאגט. קומט אויס, אז דער מענטש האט נישט קיין שום מנוחה פון דעם וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן.

**ווען** א יוד גלייבט אבער, אז עס איז דא א עולם הבא, און דער אייבערשטער גיט פאר א מענטש אויף די וועלט, כדאי ער זאל קענען מיט דעם אויפטון זיך צוצוגרייטען צו חיי עולם הבא. אלעס וואס ער האט, גיט ער אוועק כדאי צוצוקומען צו עבודת ה'. דער באשעפער האט מיך געבענטשט, איך האב רואיגקייט, איך האב וואס איך דארף צו האבן, דארף איך לערנען, איך דארף דאווענען, איך דארף אויסנוצען מיין צייט פאר עבודת ה', איך דארף טון צדקה וחסד מיט דעם געלט וואס איך האב. איך דארף מחיה זיין ארימעלייט, איך דארף בויען בנינים של תורה, דעמאלטס האט א חשיבות דאס עשירות וואס דער אייבערשטער האט אים געבענטשט. דאס איז די לעצטע ברכה וואס מען וואונטשט אן. נאכדעם וואס עס וועט שוין זיין יברכך ה' בממון, וישמרך, ויחנך, און וישם לך שלום, אלעס האסטו שוין, אבער עס פעלט נאך אויס 'ושמו את שמי על בני ישראל', לייג ארויף מיין נאמען אויף זיי, עס איז דא א עולם הבא, עס איז דא חיים נצחיים. און אויף די וועלט איז התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין. ווען מען האט דעם ושמו את שמי על בני ישראל, דעמאלטס איז די ברכה א ריכטיגע ברכה.

**ביי** די שמחה וואס מיר זיצן יעצט מיט ר' קלמן יואל זאל זיין געזונט, מען זיצט דא משפחה, נאר גאר נאנטע מענטשען וואס קענען אים פון דער נאנט, פון די געשעפטען, צו פון בית המדרש, און אזוי ווייטער. א איש החסד, וואס דער אייבערשטער האט אים געבענטשט אז יברכך ה', און ער גיט זיך אפ מיט טון חסד וואו מען קען. וואו מען קען ארויסהעלפן א צווייטען איז ער דארט. און ער נוצט עס אויך פאר זיך אליין, נישט נאר געבן פאר יענעם, ער נעמט ווער עס זאל מיט אים לערנען, אויפשטיין פארטאגס צו לערנען, ביינאכט צו לערנען, האבן חברותות און שומרים אויף זיך זיי זאלן אים אויפוועקן, און אוועקלאזן פון געשעפט כדי ער זאל קענען אנקומען צו וואו מען קומט אן. דאס איז דער ושמו את שמי על בני ישראל, און דעמאלטס איז ואני אברכם, דעמאלטס ליגט א ברכה אין דעם וואס דער אייבערשטער האט געגעבן ביז יעצט.

*

*__יום חמישי פרשת נשא__*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו (מנכ"ל מוסדותינו הק' בוומסב"ג), שהתקיים באולם שמח תשמח.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת נשא</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***<u>שבת קודש פרשת נשא</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **ישראל גלאסמאן** הי"ו, שהתקיים באולם מחזיקי.